בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ

גִּלָּיוֹן

# שִׁיעוּרֵי חִינוּךְ

אִידִישׁ

פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת אוּן הַדְרָכוֹת פַאר עֶלְטֶערְן, מְלַמְּדִים, מְחַנְּכִים אוּן מְחַנְּכוֹת

פרשת טהרה
שנת תשפ"ו

גליון
קנ"א

## שִׁיעוּרִים אִין חִינוּךְ

פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

### - דִי זוּמֶער טֶעג -

#### מִיט שְׁפִּילְן מִיט זֵייעֶר מַצָּב

גֶעלוֹיבְּט דֶעם הֵיילִיגְן בַּאשֶׁעפֶער אַז מִיר הָאבְּן זוֹכֶה גֶעוֶוען אַרִיבֶּערְצוּגֵיין דֶעם הֵיילִיגְן יוֹם טוֹב פֶּסַח. יֶעצְט דַארְפְן דִי מְחַנְּכִים זִיךְ גְרֵייטְן אָנְצוּהֵייבְּן דֶעם נֵייעֶם זוּמֶער זְמַן.

מֶען דַארְף וִויסְן: אִין דִי זוּמֶער טֶעג זֶענֶען דִי קִינְדֶער אַן עִנְיָן אַחֵר לְגַמְרֵי; ווִי שְׁטַארְק קִינְדֶער ווִילְן אַ גַאנְץ יָאר שְׁפִּילְן, טַאנְצְן, שְׁפְּרִינְגֶען אוּן נִישְׁט אַיינְזִיצְן אִין כִּתָּה, אִיז עֶס אִין דִי זוּמֶער טֶעג פִּיל מֶער; זֵייעֶרֶע מֹחוֹת זֶענֶען גָאר שְׁטַארְק פַארְשְׁפִּילְט.

דֶערְפַאר, דַארְף מֶען זִיךְ אִין דִי טֶעג סְפֶּעצִיעֶל אַרָאפְּלָאזְן צוּ דִי קִינְדֶער, אוּן אַבִּיסְל מִיט שְׁפִּילְן מִיט זֵייעֶר מַצָּב. אַ קְלוּגֶער מְחַנֵּךְ וֶועט אָנְרֵייצְן דִי קִינְדֶער אוּן זָאגְן: **"אוֹיבּ מֶען גֵייט פְלַייסִיג לֶערְנֶען אוּן שֵׁיין דַאוֶוענֶען דוּרְכְאוֹיס דִי קוּמֶענְדִיגֶע פָאר טֶעג, וֶועל אִיךְ עֶנְק בַּאלוֹינֶען"**, אוּן וֶוען דֶער בַּאשְׁטִימְטֶער טָאג קוּמְט אָן, זָאל מֶען טַאקֶע אַרוֹיסְנֶעמֶען דִי קִינְדֶער אִין גַאס אוֹיף אַ שְׁפַּאצִיר, אָדֶער זֵיי גֶעבְּן אַ גוּטֶע עֶסְן וְכַדוֹמֶה. אוֹיךְ אִיז כְּדַאי צוּ טֵיילְן קַאלְטֶע אֵייסֶעס כְּדֵי דִי קִינְדֶער זָאלְן זִיךְ מִיט דֶעם בַּארוּאִיגְן פוּן דִי שְׁטַארְקֶע הִיצְן. דוּרְכְדֶעם וֶועט מֶען קֶענֶען כַאפְּן זֵייעֶר מֹחַ צוּם לֶערְנֶען אוּן דַאוֶוענֶען.

אִיךְ גֶעדֶענְק נָאךְ פוּן מַיינֶע קִינְדֶער יָארְן ווִי שְׁטַארְק מִיר זֶענֶען גֶעוֶוען פַארְשְׁפִּילְט דוּרְכְאוֹיס דִי זוּמֶער טֶעג. סְפֶּעצִיעֶל אִין דִי צְוֵויי חֳדָשִׁים וָואס מִיר זֶענֶען גֶעוֶוען אִין קֶעמְפּ, אִיז אוּנְזֶער גַאנְצֶע מֹחַ גֶעוֶוען פַארְנוּמֶען מִיט דִי בּוּדְקֶעס וָואס מִיר הָאבְּן גֶעבּוֹיט אִין וַואלְד. דִי מְלַמְּדִים פְלֶעגְן אוּנְז הֵייסְן אַרַיינְקוּקְן אִין דִי גְמָרָא אוּן לֶערְנֶען, אָבֶּער נָאךְ צְוֵויי מִינוּט אִיז אוּנְזֶער מֹחַ שׁוֹין גֶעוֶוען צוּרִיק צוּ דִי בּוּדְקֶעס. דָאס זֶעלְבֶּע אִיז גֶעוֶוען בַּיים דַאוֶוענֶען; מֶען הָאט אוּנְז גֶעהֵייסְן אַרַיינְקוּקְן אִין סִידוּר אוּן דַאוֶוענֶען אוֹיפְן קוֹל, אָבֶּער בִּיז צְוֵויי מִינוּט אִיז אוּנְזֶער מֹחַ שׁוֹין וַוייטֶער גֶעוֶוען צוּרִיק צוּ אוּנְזֶערֶע בּוּדְקֶעס. עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ פַארְמֶעסְט צְוִוישְׁן דִי קִינְדֶער וֶוער עֶס קֶען בּוֹיעֶן אַ שְׁטֶערְקֶערֶע בּוּדְקֶע. מִיר הָאבְּן גֶעשְׁלֶעפְּט הֶעלְצֶער אוּן בֵּיימֶער פוּן דִי וֶועלְדֶער, מֶען הָאט גֶעהַאקְט אוּן גֶעזֶעצְט, אוּן אוֹיפְגֶעבּוֹיט מֶערְכְטִיגֶע בִּנְיָנִים...

לְמַעֲשֶׂה הָאבְּן מִיר גֶעהַאט קְלוּגֶע מְלַמְּדִים וָואס הָאבְּן גֶעווּאוּסְט ווִי אַזוֹי אוּנְז צוּרִיק צוּ שְׁלֶעפְּן צוּ דִי גְמָרָא. זֵיי פְלֶעגְן אוּנְז אָנְרֵייצְן אוּן זָאגְן: **"אוֹיבּ מֶען וֶועט לֶערְנֶען פְלַייסִיג וֶועט מֶען בַּאלְד פַארְמַאכְן דִי גְמָרוֹת אוּן דֶערְצֵיילְן אַ מַעֲשֶׂה"**, אוּן אִין דִי מַעֲשִׂיוֹת הָאבְּן זֵיי אַרַיינְגֶעפְלָאכְטְן יִרְאַת שָׁמַיִם אוּן פַארְשִׁידֶענֶע הֲלָכוֹת.

#### שְׁפַּאצִירְן מִיט שְׁמִירַת עֵינַיִם

וֶוען מֶען נֶעמְט אַרוֹיס דִי קִינְדֶער אִין גַאס אוֹיף אַ שְׁפַּאצִיר, מוּז עֶס זַיין אוֹיף אַן אוֹפָן פוּן שְׁמִירַת עֵינַיִם.

אוֹיבּ מֶען וואוֹינְט אִין דִי גְרֶעסֶערֶע שְׁטֶעט וואוּ דִי גַאסְן זֶענֶען אוֹיסְגֶעלַאסְן, אִיז נִישְׁט אוֹיסְגֶעהַאלְטְן אַרוֹיס צוּ נֶעמֶען דִי קִינְדֶער שְׁפַּאצִירְן אוֹיף דִי גַאסְן. אוֹיסֶער אוֹיבּ מֶען גֵייט אַרוֹיס אִינְדֶערְפְרִי וֶוען דִי גַאסְן זֶענֶען נָאךְ לֵיידִיג, אוּן מֶען זָאגְט זֵייעֶר שְׁטַארְק אָן דִי קִינְדֶער: **"קִינְדֶער, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָא, מֶען דַארְף זִיךְ אָפְּהִיטְן דִי אוֹיגְן, מֶען דַארְף אַרָאפְּקוּקְן אוֹיף דֶער עֶרְד"**.

דָאס זֶעלְבֶּע חִיּוּב לִיגְט אוֹיף דִי בָּאס דְרַייוֶוערְס וָואס פִירְן דִי קִינְדֶער צוּ דִי מוֹסָד אוּן צוּרִיק אַהֵיים. אוֹיבּ זֵיי פָארְן אַדוּרְךְ גַאסְן וָואס זֶענֶען נִישְׁט רֵיין, זָאלְן זֵיי אוֹיסְרוּפְן הוֹיךְ אוֹיפְן קוֹל: **"קִינְדֶערְלֶעךְ, מֶען טָאר נִישְׁט אַרוֹיסְקוּקְן פוּן דִי פֶענְסְטֶער, מֶען דַארְף הָאבְּן הֵיילִיגֶע אוֹיגְן; אוֹיבּ מֶען הִיט זִיךְ דִי אוֹיגְן הָאט מֶען אַ שֵׁיינֶע זִיסֶע לֶעבְּן"**.

לֵיידֶער הָאבְּן מִיר הַיינְט אַ נִסָּיוֹן צוּ הִיטְן דִי אוֹיגְן אֲפִילוּ אִינְדֶערְהֵיים; אַ מֶענְטְשׁ קֶען זִיצְן בַּיי זִיךְ אִינְדֶערְהֵיים אָדֶער אִין אָפִּיס אוּן הָאבְּן אַ נִסָּיוֹן צוּ זֶען דִי עֶרְגְסְטֶע שְׁמוּץ פוּן דִי וֶועלְט אוֹיף זַיין טֶעלֶעפָאן אָדֶער קָאמְפְּיוּטֶער. דֶערְפַאר רֶעדְט מֶען טַאקֶע הַיינְט זֵייעֶר אַסַאךְ אִיבֶּער דֶעם נִסָּיוֹן, מִיר טָארְן אָבֶּער נִישְׁט פַארְגֶעסְן צוּ רֶעדְן אוֹיךְ אִיבֶּער דִי פָּשׁוּטְ'ע נִסְיוֹנוֹת פוּן שְׁמִירַת עֵינַיִם וָואס זֶענֶען דָא אוֹיפְן גַאס. שְׁמִירַת עֵינַיִם אוֹיפְן גַאס אִיז נוֹגֵעַ אֲפִילוּ פַאר קִינְדֶער, בָּחוּרִים אוּן אִינְגֶעלַייט וָואס פַארְמָאגְן נִישְׁט קַיין שׁוּם טֶעכְנֶעלָאגִישֶׁע כֵּלִים, אוּן מֶען מוּז זֵיי אוֹיסְלֶערְנֶען אַז מֶען דַארְף אַרָאפְּקוּקְן אוֹיף דֶער עֶרְד.

#### אוֹיסְלֶערְנֶען שְׁמִירַת עֵינַיִם

מֶען טָאר זִיךְ נִישְׁט פַארְלָאזְן אַז דִי קִינְדֶער וֶועלְן פוּן זִיךְ אַלֵיין פַארְשְׁטֵיין אַז מֶען דַארְף הִיטְן דִי אוֹיגְן; אוֹיבּ מֶען רֶעדְט נִישְׁט דֶערְוֶועגְן, וֶועלְן זֵיי נִישְׁט וִויסְן

דערפון.

ווען איך בין געווען א מלמד אין א תלמוד תורה פאר תלמידים אין כתה ט', האב איך גערעדט צו זיי ווענגן שמירת עינים. איך האב זיי געזאגט: **"מען טאר נישט אויפהייבן די אויגן אין גאס; מיט איין שלעכטע קוק - קען מען חס ושלום פארלירן די יראת שמים, דאס שפירן דעם אייבערשטן, און א טעם אין דאווענען"**; האבן זיך די קינדער אנגערופן אז מען האט זיי דאס קיינמאל נישט אויסגעלערנט און זיי האבן דאס נישט געוואוסט. איין קינד האט מיר געפרעגט מיט טרערן אין די אויגן: **"רבי, פארוואס האט מיך קיינער נישט געזאגט אז מען דארף אראפקוקן אין גאס?!"**

דערפאר מוזן מחנכים אויסלערנען פאר די קינדער אז א איד גייט אין גאס מיט אראפגעלאזטע אויגן.

### אויסלערנען הלכות ברכות

ווען מען געבט עסן פאר קינדער, דארף מען זיי אויסלערנען צו מאכן ברכות; סיי א פאר ברכה און סיי א נאך ברכה, און נאכדעם זאל מען דאנקען דעם אייבערשטן אויף אידיש: **"שכח אייבערשטער פאר די פיינע עסן"**. דער רבי האט דערציילט (חיי מוהר"ן, סימן רלז): **"ווען איך בין געווען א קליין קינד פלעג איך דאנקען דעם אייבערשטן אויף יעדע זאך וואס איך האב געגעסן, איך האב זיך נישט באגנוגנט מיט ברכת המזון"**.

איך האב שוין מיט געהאלטן פעלער פון בחורים וואס האבן נישט געוואוסט אז נאכן עסן אן עפל דארף מען מאכן א 'בורא נפשות'; זיי האבן געמיינט אז די נאך ברכה איז **"על העץ"**. זיי האבן נישט געוואוסט דעם חילוק צווישן סתם פרוכט און פרוכט פון די שבעת המינים.

דעריבער איז זייער וויכטיג אויסצולערנען פאר די קינדער די הלכות ברכות, זיי זאלן וויסן וועלכע פאר ברכה און נאך ברכה מען דארף מאכן אויף יעדע עסן, כדי זיי זאלן עס געדענקען פאר זייער גאנץ לעבן.

### אריינפלעכטן אמונה און יראת שמים

ווען מען פארברענגט מיט די קינדער, מען נעמט זיי ארויס אויף א שפאציר, אדער מען טיילט זיי אויס געשמאקע עסן, דארף מען פרובירן אריינצופלעכטן בדרך אגב - סיפורי צדיקים, הלכות, אמונה און יראת שמים.

דער גאנצער יסוד און מטרה פון א מוסד איז דאך אריינצולייגן אין די קינדער אמונה אינעם אייבערשטן, ווי עס שטייט אין פסוק (תהלים קיט, פו): **"כל מצותיך אמונה"**, דער גאנצער ציל פון די תורה איז אז מען זאל צוקומען צו האבן א קלארע אמונה אינעם אייבערשטן. דערפאר דארף מען אפילו אינמיטן שפאצירן אדער פארברענגען, זוכן וועגן ווי אזוי אריינצולייגן אין זיי אמונה און יראת שמים, און זיי דערמאנען אז דער אייבערשטער געפינט זיך איבעראל.

מען קען דערציילן פאר די קינדער א מעשה פון א צדיק; פון דער הייליגער בעל שם טוב, דער הייליגער צאנזער רב, דער הייליגער רבי ר' אלימלך פון ליזענסק און פון דער הייליגער רבי ר' זושא זכותם יגן עלינו, און אין די מעשיות זאל מען בדרך אגב אריינדרייען יסודות פון אמונה און יראת שמים. אויך זאל מען אריינדרייען בדרך אגב פארשידענע הלכות, צום ביישפיל, ווי אזוי מען דארף דאווענען, ווי אזוי מען וואשט זיך די הענט, אדער ווי אזוי מען עסט מיט דרך ארץ; אויך זאל מען געבן פאר יעדן קינד פריוואט גוטע ווערטער.

ווען מען פלעכט אריין יראת שמים און הלכות אינמיטן א מעשה, ובפרט אויב די מעשה אליין ווערט אריינגעפלאכטן אינמיטן א פראגראם אדער אן אונטערהאלטונג, גייען די ווערטער גאר שטארק אריין אין די קינדער. ווייל נישט אלעמאל האבן קינדער געדולד אויסצוהערן ווען מען רעדט צו זיי מוסר און יראת שמים, אבער ווען עס ווערט געזאגט אומאפיציעל, אינמיטן א געשמאקע און פרייליכע צייט, זענען זייערע אויערן אפן און זיי זענען גרייט אנצונעמען אלעס וואס מען זאגט זיי.

וואס מחנכים קענען אריינלייגן אין די קינדער אינמיטן א פארברענג, קען קיינער אנדערש נישט באווייזן.

דעריבער איז זייער וויכטיג צוגעדענקען, איידער מען שטעלט צו א פראגראם פאר די קינדער, צו מאכן א קלארן פלאן וועלכע זאכן מען גייט דעמאלט אריינפלעכטן 'צווישן די שורות', כדי די קינדער זאלן עס קענען מיט נעמען מיט זיך פארן גאנצן לעבן.

### שלאפן און עסן

עס שטייט אין שלחן ערוך (יורה דעה הלכות מלמדים, סימן רמה, סעיף יז ברמ"א): א מחנך דארף זיך לייגן שלאפן פרי, און עפעס עסן איידער ער גייט אריין אין כתה צו די קינדער. ווייל עס איז נישט מעגליך זיך אפצוגעבן מיט די קינדער ריכטיג אויב מען איז מיד אדער הונגעריג.

מחנכים דארפן זיך לייגן שלאפן פרי, אויפשטיין פרי, גיין אין מקוה, דאווענען שחרית, עפעס עסן, און אריינגיין אין כתה איידער די קינדער קומען אן.

מען מוז נישט דוקא עסן ברויט אנהייב טאג, מען קען אנהייבן דעם טאג אפילו מיט א פרוכט און דאס גלייכן, אבער שפעטער ביי הפסקה דארף מען זיך וואשן און עסן ברויט.

### מידערהייט זעט אלעס אויס ווי חוצפה

ווען א גאנצע גרופע לעבעדיגע קינדער קומען אריין אין כתה, ווערט עס גאר שטארק אויסגעמאכט צי מען איז אויסגערוט אדער מיד. אויב מען איז מיד, וועלן די קינדער אויסזען ווי מחוצפים; אבער אויב מען איז אויסגערוט, וועט מען פארשטיין אז די קינדער זענען פשוט לעבעדיג.

א מלמד האט מיר דערציילט: איין נאכט איז ער געשלאפן זייער ווייניג, און אינדערפרי איז ער געווען זייער מיד. ביי זיי אין תלמוד תורה איז דער סדר אז די עלטערע כיתות דאווענען אינאיינעם שחרית מיט מנין אין עס-זאל. יענעם טאג איז אויסגעקומען אז נאר ער איז געווען אנוועזנד ביים דאווענען; די אנדערע מלמדים זענען פונקט נישט אנגעקומען אין צייט.

ער האט זיך געטראפן אנפירן דאס דאווענען מידערהייט, אינגאנצן אליין. ער האט זיך אומגעקוקט אויף די קינדער און געזען אז זיי זענען זייער לעבעדיג און טאנצן ארום. אזוי ווי ער איז געווען זייער מיד, האט ער גלייך אנגענומען מיט א זיכערקייט אז די קינדער זענען געקומען אים צו שטערן.

ער האט געשפירט אז ער הייבט אן צו ווערן אויפגערעגט און ער וועט זיך נישט קענען איינהאלטן, ער גייט טיילן פעטש; אבער ער האט זיך דערמאנט אין די חיזוק וואס מען לערנט ביים הייליגן רבי'ן, אז מען

טָאר נִישְׁט טוּן קַיין גֶעאַיילְטֶע שְׁרִיט אוּן זִיכֶער טָאר מֶען נִישְׁט שְׁלָאגְן קַיין קִינְדֶער, דֶערְפַאר הָאט עֶר זִיךְ צוּרִיקְגֶעהַאלְטְן מִיט אַלֶע זַיינֶע כֹּחוֹת, אוּן וַוייטֶער גֶעפִירְט דָאס דַאוֶוענֶען מִיט אַ רוּאִיגְקֵייט.

מִיטְאַמָאל הָאבְּן דִי לֶעקְטֶערְס אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ בְּלִינְקֶען... צוּלִיבּ זַיין מִידְקֵייט, הָאט עֶר נָאכְאַמָאל בְּטָעוּת פַארְשְׁטַאנֶען מִיט אַ זִיכֶערְקֵייט אַז אַ מְחוּצָף שְׁטֵייט אִינְדְרוֹיסְן פוּן עֶס-זַאל אוּן רוּקְט אַרוֹיף אוּן אַרָאפּ דֶעם לֶעקְטֶער, עֶר הָאט גֶעשְׁפִּירְט וִוי דָאס בְּלוּט קוּמְט אִים אַרוֹיף אִין קָאפּ פוּן כַּעַס, אוּן עֶר גֵייט אָט אָט אָנְהֵייבְּן טֵיילְן מַכּוֹת... אָבֶּער עֶר הָאט זִיךְ נָאכְאַמָאל דֶערְמַאנְט אִין דִי חִיזּוּק פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אוּן עֶר הָאט זִיךְ וַוייטֶער אַיינְגֶעהַאלְטְן מִיט שְׁטַארְקֶע כֹּחוֹת אוּן מַמְשִׁיךְ גֶעוֶוען צוּ פִירְן דָאס דַאוֶוענֶען.

צְוֵויי מִינוּט שְׁפֶּעטֶער אִיז אַ אִינְגְל צוּגֶעלָאפְן צוּ אִים אוּן דֶערְצֵיילְט אַז אַ גוֹי אִיז אַרַיינְגֶעקוּמֶען אִין תַּלְמוּד תּוֹרָה אוּן גֶעזָאגְט אַז דִי עֶלֶעקְטְרִיק רֶערְן אִין דִי גַאס הָאבְּן אוֹיפְגֶערִיסְן, אוּן צוּלִיבּ דֶעם אַרְבֶּעט נִישְׁט גֶעהֶערִיג דִי לֶעקְטֶער אִין דֶעם גַאנְצְן גֶעגְנְט.

דֶער מְלַמֵּד הָאט גֶעזֶען אַז נָאר צוּלִיבּ זַיין מִידְקֵייט הָאט אִים אַלֶעס אוֹיסְגֶעזֶען וִוי חוּצְפָּה; עֶר הָאט גֶעמֵיינְט אַז דִי קִינְדֶער וָואס טַאנְצְן אַרוּם מֵיינֶען חוּצְפָּה, אוּן וֶוען דִי לֶעקְטֶערְס הָאבְּן אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ בְּלִינְקֶען הָאט עֶר אָנְגֶענוּמֶען אַז אַ מְחוּצָף דְרֵייט עֶס אָן, וֶוען בֶּאֱמֶת אִיז דָא בִּכְלַל נִישְׁט גֶעוֶוען קַיין שׁוּם חוּצְפָּה.

מֶען דַארְף אָבֶּער בַּאמֶערְקְן: מֶען מֵיינְט דָא חַס וְשָׁלוֹם נִישְׁט צוּ בַּארֶעכְטִיגְן חוּצְפָּה; דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן קְלָאר (תַּנָּא דְבֵי אֵלִיָּהוּ רַבָּה, א): **"דֶּרֶךְ אֶרֶץ קָדְמָה לַתּוֹרָה"**, דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ פַאר אַלֶעס - דַארְף מֶען אוֹיסְלֶערְנֶען דִי קִינְדֶער צוּ זַיין דֶרֶךְ אֶרֶץ'דִיג. וָואס דֶען? מְחַנְּכִים דַארְפְן פַארְשְׁטֵיין אַז קִינְדֶער וָואס טַאנְצְן, שְׁרֵייעֶן אוּן שְׁפְּרִינְגֶען, זֶענֶען נִישְׁט קַיין מְחוּצָפִים, נָאר פָּשׁוּט גֶעזוּנְטֶע לֶעבֶּעדִיגֶע קִינְדֶער.

## דַאוֶוענֶען מַעֲרִיב בַּיים זְמַן אוּן גְלַייךְ אַהֵיימְגֵיין

מְלַמְדִים דַארְפְן דַאוֶוענֶען מַעֲרִיב בַּיים זְמַן אוּן גְלַייךְ דֶערְנָאךְ אַהֵיימְגֵיין, אַבִּיסְל שְׁמוּעֶסְן אוּן פְרֵיילִיךְ מַאכְן אִין שְׁטוּבּ, אוּן בְּעֶרֶךְ צֶען -עֶלְף אַזֵייגֶער דַארְף מֶען שׁוֹין שְׁלָאפְן, כְּדֵי צוּ זַיין גוּט אוֹיסְגֶערוּט פַאר דִי קִינְדֶער.

פַאר גֶעוִויסֶע מֶענְטְשְׁן קוּמְט אוֹיס בֶּעסֶער צוּ כַאפְּן אַ קְלֵיינֶע דְרִימְל אִינְמִיטְן טָאג אוּן זִיךְ לֵייגְן שְׁלָאפְן בַּיינַאכְט אַבִּיסְל שְׁפֶּעטֶער; דָאס אִיז נִישְׁט קַיין פְּרָאבְּלֶעם, וַוייל ווִילַאנְג מֶען שְׁלָאפְט דִי רִיכְטִיגֶע צָאל שָׁעוֹת ווִיפִיל עֶס פֶעלְט זִיךְ אוֹיס צוּ זַיין אוֹיסְגֶערוּט פַאר דִי קִינְדֶער - אִיז גוּט.

## דַאוֶוענֶען שַׁחֲרִית מִיט אַ פְּרִיעֶ מִנְיָן

וֶוען אַ מוֹסָד זוּכְט אוֹיפְצוּנֶעמֶען נֵייעֶ מְלַמְדִים, זָאלְן זֵיי זִיךְ אוּמְקוּקְן אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ אוּן זֶען וֶוער עֶס דַאוֶוענְט טָאג נָאךְ טָאג פְּרִי, מִיט דִי זִיבְּן אַזֵייגֶער מִנְיָן. דָאס אִיז אַ סִימָן אַז דֶער מֶענְטְשׁ וֶועט אוֹיךְ זַיין בַּאצַייטְנְס אִין כִּתָּה אוּן אָפְּוַוארְטְן דִי קִינְדֶער. דָאס זֶעלְבֶּע אִיז אוֹיךְ נוֹגֵעַ פַאר סֵיי וֶועלְכֶע אַרְבֶּעט; וֶוער עֶס זוּכְט אַ גוּטְן אַרְבֶּעטֶער, זָאל נֶעמֶען אֵיינֶעם וָואס דַאוֶוענְט פְּרִי.

אַ מְחַנֵּךְ וָואס לֵייגְט זִיךְ פְּרִי, שְׁטֵייט אוֹיף פְּרִי, דַאוֶוענְט פְּרִי, עֶסְט פְּרִישְׁטָאג, אוּן גֵייט אַרַיין אִין כִּתָּה אֵיידֶער דִי קִינְדֶער קוּמֶען אָן מִיט אַ קְלָארְן פְּלַאן וָואס צוּ טוּן דֶעם הַיינְטִיגְן טָאג מִיט דִי קִינְדֶער - אִיז פִיל מֶער וֶוערְד אֲפִילוּ פוּן אַ גְרוֹיסְן מוּמְחֶה אִין חִינוּךְ וָואס לֵייגְט זִיךְ שְׁפֶּעט, שְׁטֵייט אוֹיף שְׁפֶּעט, דַאוֶוענְט שְׁפֶּעט אוּן לוֹיפְט אַרַיין אִין כִּתָּה מִיט אֵיין אָטֶעם פַארְן ווִיסְן וָואס עֶס טוּט זִיךְ מִיט אִים אוֹיף דֶער וֶועלְט. עֶס אִיז גָאר אַן אַנְדֶערֶער טָאג וֶוען מֶען הֵייבְּט עֶס אָן מִיט יִשּׁוּב הַדַּעַת, מֶען וַוארְט אָפּ דִי קִינְדֶער, אוּן מֶען אִיז קְלָאר אוֹיסְגֶערֶעכְנְט אָנְהֵייבּ טָאג וָואס מֶען גֵייט טוּן מִיט דִי קִינְדֶער דוּרְכְאוֹיס דֶעם גַאנְצְן טָאג.

## דַאוֶוענֶען מִיט נִיגוּנִים

עֶס אִיז כְּדַאי אוֹיסְצוּלֶערְנֶען דִי קִינְדֶער צוּ דַאוֶוענֶען מִיט נִיגוּנִים, כְּדֵי דָאס דַאוֶוענֶען זָאל זֵיי זַיין גֶעשְׁמַאק אוּן בַּא'טַעֲמְ'ט. פַאר יֶעדְן עֶלְטֶער דַארְף מֶען צוּפַּאסְן אַנְדֶערֶע נִיגוּנִים לוֹיט זֵייעֶר יָארְגַאנְג.

נֶעמְט נִישְׁט קַיין נִיגוּנִים פוּן הַיינְטִיגֶע זִינְגֶערְס וָואס הָאבְּן נִישְׁט קַיין טַעַם אוּן קַיין רַאם, נֶעמְט עֶנְדֶערְשׁ נִיגוּנִים פוּן דִי הֵיילִיגֶע צַדִּיקִים. דוּרְכְדֶעם וֶועט מֶען פַארְדִינֶען צְוֵויי זַאכְן; עֶרְשְׁטְנְס, דָאס אַלֵיינְס אַז דִי קִינְדֶער וֶועלְן זִינְגֶען דִי פְּסוּקִים פוּן דַאוֶוענֶען מִיט אַ שֵׁיינֶעם נִיגּוּן, אוּן צְוֵוייטְנְס, וֶועלְן זֵיי אִינְאֵיינְוֶועגְס זִיךְ אוֹיסְלֶערְנֶען הֵיילִיגֶע נִיגוּנִים.

מֶען דַארְף זֶען אַז דֶער נִיגּוּן זָאל שְׁטִימֶען מִיט דִי טַייטְשׁ. צוּם בֵּיישְׁפִּיל, וֶוען מֶען לֵייגְט אַרוֹיף אַ נִיגּוּן אוֹיף דִי וֶוערְטֶער פוּן 'מִזְמוֹר לְתוֹדָה', קֶען מֶען עֶס נִישְׁט מַאכְן אוֹיף אַן אוֹפָן וָואס צֶעטֵיילְט דִי וֶוערְטֶער נִישְׁט רִיכְטִיג, צוּם בֵּיישְׁפִּיל: **"מִזְמוֹר, לְתוֹדָה הָרִיעוּ, לַה' כָּל, הָאָרֶץ עִבְדוּ אֶת, ה' בְּשִׂמְחָה בֹּאוּ..."** [אֶפְשָׁר דִי וֶוערְטֶער "בְּשִׂמְחָה בֹּאוּ" - וָואלְטְן נָאךְ יָא גֶעשְׁטִימְט, וַוייל מֶען דַארְף אַלֶעמָאל אַרוּמְגֵיין מִיט שִׂמְחָה... אָבֶּער דִי אַנְדֶערֶע וֶוערְטֶער שְׁטִימֶען זִיכֶער נִישְׁט].

## מֶען נֶעמְט מִיט דָאס דַאוֶוענֶען פַארְן גַאנְצְן לֶעבְּן

מְחַנְּכִים דַארְפְן ווִיסְן: ווִי אַזוֹי מֶען לֶערְנְט אוֹיס דִי קִינְדֶער צוּ דַאוֶוענֶען - אַזוֹי וֶועלְן זֵיי דַאוֶוענֶען זֵייעֶר גַאנְץ לֶעבְּן.

אוֹיבּ מֶען לֶערְנְט אוֹיס פַאר קִינְדֶער אַז מֶען טָאר נִישְׁט אַרוֹיסְקוּקְן אִינְמִיטְן שְׁמוֹנֶה עֶשְׂרֵה, וואוּ מֶען דַארְף זִיךְ בּוּקְן, אַז מֶען טָאר גָארְנִישְׁט הַאלְטְן אִין דִי הַאנְט בִּשְׁעַתְ'ן דַאוֶוענֶען, אוּן אַלֶע אַנְדֶערֶע הֲלָכוֹת, וֶועלְן זֵיי זִיךְ אַזוֹי פִירְן זֵייעֶר גַאנְץ לֶעבְּן, ווִיבַּאלְד עֶס וֶועט בַּיי זֵיי וֶוערְן אַ נַאטוּרְלִיכֶע גֶעווֹאוֹינְהֵייט.

אִיךְ קוּק אוֹיף מִיר אוּן אִיךְ זֶע אַז אַסַאךְ הֲלָכוֹת פוּנֶעם דַאוֶוענֶען וָואס אִיךְ טוּ יֶעדְן טָאג, הָאבּ אִיךְ גֶעהֶערְט בְּלוֹיז פוּן מַיינֶע מְלַמְדִים; קֵיינֶער אַנְדֶערְשׁ הָאט מִיר עֶס קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעזָאגְט.

אַ מְחַנֵּךְ וָואס שְׁפִּירְט זִיךְ צֶעבְּרָאכְן אוּן טְרַאכְט צוּ זִיךְ: 'וָואס טוּ אִיךְ דֶען אוֹיף מִיט מַיין שְׁוֶוערֶע אַרְבֶּעט?' זָאל אַרַיינְטְרַאכְטְן: קוּק וָואס קוּמְט אַרוֹיס פוּן מַיין אַרְבֶּעט; דִי קִינְדֶער וֶועלְן אוֹיפְוַואקְסְן, חֲתוּנָה הָאבְּן אוּן וֶוערְן עֶרְלִיכֶע בַּעֲלֵי בָּתִּים, אוּן זֵיי וֶועלְן דַאוֶוענֶען שַׁחֲרִית, מִנְחָה אוּן מַעֲרִיב יֶעדְן טָאג, אַלֶעס אַ דַאנְק דִי כֹּחוֹת וָואס אִיךְ הָאבּ אַרַיינְגֶעלֵייגְט אִין זֵיי!

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן קֶענֶען אוֹיסְנִיצְן דִי זוּמֶער טֶעג רִיכְטִיג, מִיטְן אַרַיינְלֵייגְן אִין דִי קִינְדֶער אַסַאךְ אֱמוּנָה, יִרְאַת שָׁמַיִם אוּן הֲלָכוֹת.

# בְּרִיוֹן פוּן חִינוּךְ

פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

## אִיךְ עֶס מָרוֹר מִיט מַיינֶע קִינְדֶער

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ שׁוֹין גֶעשְׁרִיבְּן עֶטְלִיכֶע מָאל פַאר'ן רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א אַז מַיינֶע קִינְדֶער גֶעבְּן מִיר עֶסְן מָרוֹר, אוּן כָאטְשׁ וָואס יֶעצְט ווִילְן זֵיי הָאבְּן אַ קֶשֶׁר מִיט מִיר בִּין אִיךְ אָבֶער נִמְאָס גֶעוָוארְן פוּן זֵיי. עֶס קֶען זַיין אַז אִיךְ אַנְטְלוֹיף פַאר שֻׁלְחָן עוֹרֵךְ אָבֶער אִיךְ שְׁפִּיר אַז אִיךְ הָאבּ מֶער נִישְׁט קַיין כֹּחַ צוּ זֵיי, אִיךְ מַאךְ אַסַאךְ הִתְבּוֹדְדוּת וֶועגְן דֶעם, אִיךְ פִּיל אָבֶער אַז עֶס הֶעלְפְּט נִישְׁט.

אִיךְ וֶועל אַייךְ גֶעבְּן אַ מָשָׁל וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט דִי וָואךְ. אֵיין טָאג בִּין אִיךְ גֶעוֶוען מַמָּשׁ אִיבֶּערְגֶעפִּילְט מִיט צַעַר אוּן אִיךְ בִּין גֶעגַאנְגֶען זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן מַיין הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיךְ הָאבּ גֶעשְׁפִּירְט ווִי אִיךְ הָאבּ אַרוֹיסְגֶעגֶעבְּן מַיין גַאנְצֶע צַעַר, וֶוען אִיךְ בִּין אָבֶער צוּרִיק גֶעקוּמֶען הָאבּ אִיךְ גֶעטְרָאפְן מַיין זוּן נָאךְ לִיגְן אִין בֶּעט, דָאס הָאט מִיר אַזוֹי אוֹיפְגֶערֶעגְט, אַז דִי גַאנְצֶע שָׁעָה הִתְבּוֹדְדוּת אִיז גֶעוֶוען לֹא נוֹדַע כִּי בָאוּ אֶל קִרְבֶּנָה.

בִּיטֶע הֶעלְפְט מִיר אַרוֹיס. יְיַשֵׁר כֹּחַ.

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ – יוֹם א' פַּרְשַׁת וַיִּקְרָא, כ"ד אֲדָר, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ הֵייבּ אָן טְרַאכְטְן אַז עֶפֶּעס גֵייט פָאר מִיט דִיר... זַיי מִיר מוֹחֵל אוֹיף וָואס אִיךְ גֵיי דִיר זָאגְן אָבֶער אִיךְ הֵייבּ אָן פַארְשְׁטֵיין דַיינֶע קִינְדֶער; אוֹיבּ דוּ בִּיסְט אַ מֶענְטְשׁ וָואס רֶעגְט זִיךְ אוֹיף וֶוען דוּ זֶעסְט דַיין זוּן שְׁלָאפְן וְכוּ' דַארְפְסְטוּ קוֹדֶם אַסַאךְ אַרְבֶּעטְן אוֹיף דִיר בֶּעפָאר'ן זַיין פַארְנוּמֶען מִיט דַיינֶע קִינְדֶער.

נָאכְן לֵיינֶען דַיין בְּרִיוו פַארְשְׁטֵיי אִיךְ וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת, אוֹת הִתְבּוֹדְדוּת, סִימָן ב): "עַל יְדֵי הִתְבּוֹדְדוּת וּמְפַנֶּה לִבּוֹ לְבַטָּלָה, בָּא לְכַעַס"; זַיי מִיר מַסְבִּיר וָואס עֶס שְׁטֶערְט דִיר אַז דַיין זוּן שְׁלָאפְט זִיךְ אוֹיס אַבִּיסְל? דוּ שְׁרַייבְּסְט אַז דָאס הָאט דִיר זֵייעֶר אוֹיפְגֶערֶעגְט; פְרֵיי זִיךְ אַז דַיין זוּן קוּמְט אַהֵיים, עֶר שְׁפִּירְט זִיךְ גוּט אִין שְׁטוּבּ אוּן עֶר לוֹיפְט נִישְׁט אַוֶועק וְכוּ'.

דוּ הָאסְט מִיר שׁוֹין גֶעשְׁרִיבְּן זֵייעֶר אַסַאךְ בְּרִיוו אַז דוּ דַארְפְסְט חִיזוּק מַיט דַיינֶע קִינְדֶער, אַז צְוֵוי קִינְדֶער זֶענֶען אַנְטְלָאפְן פוּן שְׁטוּבּ אוּן יֶעצְט זָאגְט דֶער דְרִיטֶער אַז עֶר גֵייט אַוֶועק גֵיין וְכוּ'; יֶעצְט זֶע אִיךְ אַז דוּ בִּיסְט נִישְׁט גֶערֶעכְט. קוֹדֶם כָּל וָואס הֵייסְט "דוּ בִּיסְט נִמְאָס גֶעוָוארְן פוּן זֵיי"? דוּ שְׁרַייבְּסְט אַז זֵיי ווִילְן הָאבְּן קֶשֶׁר מִיט דִיר אָבֶער "דוּ בִּיסְט נִמְאָס גֶעוָוארְן פוּן זֵיי"; אַז דוּ בִּיסְט נִמְאָס פוּן זֵיי פַארְוָואס זָאלְן זֵיי וֶועלְן זַיין אִין שְׁטוּבּ? קוּק וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת, אוֹת בָּנִים, סִימָן קז): "הַבָּנִים שׁוֹטִים, כְּשֶׁאֲבִיהֶם כַּעֲסָן", קִינְדֶער וַואקְסְן אוֹיף שׁוֹטִים וֶוען זֵיי הָאבְּן אַ טַאטֶע אַ כַּעְסָן.

וֶוען דוּ גֵייסְט הִתְבּוֹדְדוּת זָאלְסְטוּ קוֹדֶם בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר דִיר אַז דוּ זָאלְסְט לֶעבְּן מִיט יִשּׁוּב הַדַּעַת, דוּ זָאלְסְט זִיךְ נִישְׁט אוֹיפְרֶעגְן אוּן דוּ זָאלְסְט לֶעבְּן מִיט אֱמוּנָה אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; אַז דַיין גַאנְצֶע הִתְבּוֹדְדוּת וֶועט זַיין נָאר אוֹיף דִיר וֶועסְטוּ זִיךְ נִישְׁט אוֹיפְרֶעגְן נָאכְן גֵיין הִתְבּוֹדְדוּת, פַארְקֶערְט, דוּ וֶועסְט וֶוערְן בָּטֵל צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, גָארְנִישְׁט וֶועט דִיר שְׁטֶערְן אוּן גָארְנִישְׁט וֶועט דִיר קֶענֶען אוֹיפְרֶעגְן.

אַוַדַאי זָאלְסְטוּ בֶּעטְן אַז דַיינֶע קִינְדֶער זָאלְן זַיין עֶרְלִיכֶע אִידְן אוּן זֵיי זָאלְן דִיר בְּרֶענְגֶען נַחַת וְכוּ', אָבֶער דֶער עִיקָר זָאלְסְטוּ בֶּעטְן אַז דוּ זָאלְסְט לֶעבְּן מִיט אֱמוּנָה, דוּ זָאלְסְט ווִיסְן מִיט אַ קְלָארְקֵייט אַז עֶס אִיז גָארְנִישְׁט דָא אוֹיף דִי וֶועלְט אוֹיסֶער דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּידּוֹת, אוֹת כַּעַס, סִימָן לה): "כַּעַס בָּא עַל יְדֵי הִתְבּוֹדְדוּת שֶׁאֵינוֹ כָּרָאוּי"; אַז דוּ וֶועסְט בֶּעטְן אוֹיף אֱמוּנָה וֶועסְטוּ זִיךְ נִישְׁט אוֹיפְרֶעגְן וֶוען עֶפֶּעס וֶועט גֵיין קֶעגְן דַיין ווִילְן. דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

(עצתו אמונה חלק ד', מכתב ערה)


חינוךְ אַפְּטֵיילוּנְג
אוֹיף קוֹל בְּרֶסְלֶב
צו הערן אלע שיעורים אויף חינוך
פון דער ראש ישיבה שליט"א
אויף קול ברסלב
דרוקט: 1-2-4-2
- שמעו ותחי נפשכם -


צו באקומען וועכנטליך דעם גליון, ביטע שרייבט צו: chinuchgilyon@gmail.com


קוֹל בְּרֶסְלֶב

קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; מעשיות פון תפלה און נאך
212-444-9191 / 845-351-0910
ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 4383008080
בעלגיע 3235003461 / ארגענטינע 11552354370

קוואל פון אמונה (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעספּים; און נאך
845-351-9060 / 212-444-9169
ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363/ קאנאדא 438-320-9090
חיזוק יומי אימעיל chizikyomi@gmail.com/ טעלעפאן מעסידזשינג 347-630-2876